229 קי"ה

# פרעזידענט יעקב גלאזמאן — גבאי יחיאל

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים

1945, שנת תש

## א מיטינג מוצאי יום כפור אין שוהל. מאנטאג:

עס זענען זיך צוזאמען געקומען אלע מתפללין מיט זייערע פרויען, - דער פרעזידענט י׳ גלאזמאן האט געעפנט דעם מיטינג, דער סעקריטער ה׳ ריטשלער ליינט דעם פראטיקאל און ער איז אונגענומען געווארען, דער פרעזידענט י׳ גלאזמאן האט געבעטען, דעם גבאי יחיאל הערמאן, אז ער זאל רעדען עטליכע ווערטער, וועגען דעם פארלוסט פון אונזערען א געטרייען מעמבער, און רעווערענד, און א גרונדער, פון דער שוהל, מרדכי טריהוב ע״ה אלע מעמבערס האבען זיך אויף געשטעלט אין אנדיינק פון דעם פארלוסט, פון דער גאנצער פאמיליע אז זיי זאלען מעהר פון קיין צעהר האבען ---- ....

---

דער פרעזידענט י׳ גלאזמאן, האט געבעטען דעם האנאר׳ פרעזידענט ב׳ בראנז אז ער זאל איבער נעמען די טשער פאר נאמינייישענס און אלעקשענס, : דער ראזעלטאט. : יעקב גלאזמאן, און יחיאל הערמאן, זיינען עלעקטעט געווארען ביי אקלאמיישען, ב׳ ריטשלער סעק, ב׳ פ׳ קאזענשטיין טרעזשירער, טראסטיעס יאכניקאף. יהושע הערמאן. ז׳ קאפמאן, דער גאבי הערמאן איז אלעקטעט געווארען אלעס רעווערענד,

דער סעקרעטער האט ריפארטעט אז דער קאלעקשען פון ערב יום כפור איז געווען 1280.$^{00}$

דער פרעזידענט האט ריפארטעט אז דער כל נדרי אפיהל האט מען קאלעטעט די סומע 214.$^{00}$

אין דער גאנצער עולם האט זיך געווינטליך. פאר בראכט מיט אביסעל משקה. מיט דעם האט זיך דער מיטינג געשלאס

# לשנה הבאה בירושלים

קהל תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERETH JERUSALEM ROSSLAND

על ידי יחיאל כ״ץ הערמאן

## היטלער׳ן דארף מען ניט שילטען

דער באוויסטער שרייבער ה׳ גרשם-באדער, איז געזעסען, מיט עטליכע פריינט און מען האט געשמוסט וועגען דער היטלער-געפאר, האט יעדערער. היטלער׳ן מכבד געווען מיט אַ באזינדערער קללה, אבער ווען עס איז געקומען. צו ה׳ באדער׳ן, זאגט ער: פע, עס פאסט ניט צו שילטען.
איך וועל בעסער זאגען, אז דאס, וואס איך ווינש היטלער׳ן, זאל עס מיר אליין אנקומען צוויי מאל אזוי פיל.... — ווי קומט עס? — האבען זיך אלע פארוואנדערט, — גאנץ איינפאך — ענטפערט ה׳ באדער — איך ווינש היטלער׳ן, אז ער זאל גיהן אויף איין פוס — און זיך ווינש איך צוגעהן אויף צוויי פוס: היטלער זאל זעהן אויף איין אויג — און איך אויף צוויי אויגען: היטלער זאל קענען באוועגען בלויז איין האנט — און איך ביידע —
אבער שילטען? פע, ס׳פאסט ניט.

## אז עס קומט צו לעבען ווילט זיך ניט שטארבען

דער מלאך המות איז געקומען צו אן אלטען אידען און איהם מודיע געווען, אז זיין צייט איז געקומען. הויבט זיך דער איד אן בעטען: — לאז מיך כאטש דערלעבען היטלער׳ס סוף. האט דער מלאך המות געהאט מיט איהם איינדעהעניש און איהם אפגעלאזט.
— עס איז אבער געקומען דער טאג, און היטלער האט געכאפט אַ מיתה-משונה, — איז דער מלאך המות ווידער געקומען צום אידען. — איך האב געהאלטען מיין צוזאג — האט ער געזאגט, — איצט קום,
זאגט דער איד: — איצט, אז מען איז פטור געוואָ[redacted] פון דעם ימח-שמוניק און עס איז אַ מחיה צו לעבען, ווילסטו מיך אוועקנעמען? לאז מיך אפ!



פרעזידענט    תפארת ירושלים    ווייס פרעזידענט

יעקב בן יונה    בית הכנסת    יוזיאל בן מנחם

גלאזמאן    שנת ת'ש'ו'    הערמאן

13 נאוועמבער 1945

אַ מיטינג אין שוהל, דער פרעזידענט ב' גלאזמאן האט רעפארטעט אז עס איז אב געהאלטען געווארען
אבארד מיטינג וועגען אַ בעל קורא. מען זאל צאהלען 50 דאלער א יאהר פארען ליינען אין דער תורה, ביי
דעם האט יעדערער מעמבער גענומען דאסווארט. און עס איז געפאסט געווארען אז מען זאל דעם
בעל קורה צוהלען 100 דאלער א יאהר, דאס מיינט, צו ב' הערמאן אלעס בעל קורה.
אבער דא האט פאסירט אזא זאך וואס קענער האט זיך נישט געריכט, ב' הערמאן האט געהאלטען
זעהר אפיינעם דרשה   **דע לחכמה ברמזה**   און ער האט געגעבען אַ מתנה 50 דאלער
צו דער שוהל, דער עולם האט באדאנקט ב' הערמאן דעם (בעל קורה) פאר דעם דאניישען

21. november

# טו בכסלו חברה קדישה סעודה

עס זענען זיך צוזאמען זעהר אַ שיינער עולם, מענער מיט זייערע פרויען צו דער חברה קדישה
סעודה, דער סעקרעטער, דוד שלמה גאלדבערג האט געליינט דעם פראטיקאל פון אַ גאנץ יאהר
מען האט אויפגעפעדערט ב' הערמאן, אז ער זאל אנדייטען דעם מיינונג, וואס מיינט חברה קד"
ב' הערמאן, האט עקספלענט דעם באדייטונג וואס מיינט ח"ק, און ער האט אויך נית פאר געסען צו דער
מאנען די אלע אומשילדיגע קדושים וואס זיינען אימגעקומען על קדושת השם ה' ירחם עלינו
פון דעם רשע ימח את שמו וזכרו. וימח שמו מלהזכירו, היטלער
ניט קוקעדיג האט דער עולם, אויך פאר געסען צוגיניסען — פון דעם וואס די קומיטע האט
צו געגרייט לכבוד דער סעודה, פון עסען און טרונקען, דער עולם האט פארבראכט (הן אין רחניות הן
גשמיות) מען האט זיך געווינשען אז די חברה קדישה זאל נית האבען אגאנץ יאהר קיין ארבייט פון חיים
מען האט געמאכט לחיים, און מען האט געווינשען אז (גאט ברוך הוא) זאל באצאהלען די אלע
רשעים מיט אגרויסע מיתה משנה) אַ גוטע נאכט

ביי דעם מיטינג איז געפאסט געווארען   חנוכה פעסט   אז דעם צווייטען דעצעמבער חנוכה פעסט

עס איז אויך געפאסט געווארען אז מען זאל
מאכען אַ באנקעט אין שוהל. פאר די סאלדאטען
פון די ברודער פון דער שוהל, ווען אלע וועלען
שוין זיין ביי זייערע עלטערין אין היים בשלום

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND תפארת ירושלים

נעשה עי יחיאל הערמאן

## איבערגעגעבן פערקעהרט

רב האט געהאט א שלעכט ווייב, און וואס ער האט איהר געהייסען, האט זי אלץ געטהון קאפויר, — האט ער איהר געזאגט: „קאך מיר לינזען״ — — האט זי איהם אפגעקאכט „באב״; „קאך באב״, האט זי אפגעקאכט לינזען. — — אז זיין זוהן חיא איז אונטערגעוואקסען, איז ער געפלען אויף אן אויפטהו. און ער פלעגט איהר איבערגעבען דעם פאטער׳ס ווערטער אלץ פערקעהרט, איז ממילא שטענדיג אויסגעקומען ווי רב האט פערלאנגט. איינמאל זאגט רב דעם זוהן: „די מאמע דיינע, זעהט אויס, איז בעסער געווארען״. זאגט איהם חיא: „דאס איז צוליעב דעם, — וויל איך גיב איהר איבער דיינע ווערטער פארקעהרט״. — אזוי גאר — ! — זאגט איהם דער פאטער מיט א שמייכעל — נישט אומזיסט זאגט די וועלט׳א ווערטיל: „די אייער זענען קליגער פון די היהנער״. פון דעסטוועגען זאלסטו מעהר אזוי נישט טהון; מע טאר זיך נישט איינגעוואינען צו קיין ליגען.

פון תלמוד

## אכט מעלות

ר׳ שמעון בן מנסיא זאגט: אכט מעלות געפונען די חכמים ביי די צדיקים: שעהנקייט, קראפט, רייכקייט, כבוד, קלוגשאפט, לאנגע יאהר, גרייז-גרויהייט און קינדער — און צו די אלע זאכען אינאיינעם, האבען זוכה געווען, רבי מיט זיינע קינדער.

פון תלמוד

תשו

עזרת הכנסת תפארת ירושלים

גבאי יחיאל הכהן

פרעזידענט יעקב בן שלמה יונה גלאסמאן

סעק" דיטשלער

# חנוכה באנקעט



זונטאג דעם צווייטען דעצעמבער .1945

ב׳ גלאזמאן אלעס טשערמאן

א גרויסער עולם איז זיך צוזאמען גיקומען
אין שוהל, ליכטיג און לעבעדיג, 333 -- 333
יום טוב און ער האט גיבעטען דעם ב׳ יחיאל
צו בענטשען חנוכה ליכט, און ב׳ הערמאן האט
גיהאלטען ארעדע דעם באטייטונג פון
חנוכה. און ער האט אויך ניט פאר געסען
צו מאנען, דעם גרויסען אומגליק וואס
(היטלער הרשע ימח שמו וזכרו) האט
אן געטוהן צרות די אומשילדיגע אידישע
פאלק, דער פרעזידענט אלעס טאסטמייסטער האט
יעדען איינעם אויף גיפאדערט צו האלטען א ספיטש
עס איז געווען צו גיגרעט א פיינעם סאפער, און א
ביסעל משקה האט אויך ניט גיפעלט. דער
עולם האט פאבראכט ברודערלעך:
און מען האט גיענדיקט מיט דעם יודעשען
מזמור התיקוה -- מען האט פרעזענטירט
דעם גבאי יחיאל כ״ץ מיט א שיינעם חנוכה לאמפ:

חנוכה לאמפ

1946 April 23

שנת תשו 1946

# בואכם לשלום

זונטאג, די שוהל איז ליכטיג עס איז
א יום טובדיגער שטימינג, די קומיטע
טוט אלעס וואס נאר מעגלעך. אז עס זאל זיין
וואס שענער, און וואס בעסער, אלע יודעשע
בחורים וואס זיינען געווען מעבר לים .50 און צוזא
זיינען איינגילאדען גיווארען מיט זיירע
עלטערין, אויך איז איינגילאדען גיווארען
ר׳ בערגער. און ר׳ דענענבערג, --
אלעס איז גיוועזן אין בעסטען
ארדינונג, עס אלעס איז צו גיגרייט
גיווארין. הן פון עסען, און הן פון טרינקן
מכל טוב. --

דער טשערמאן פון באנקעט איז
דער געוויסער פרעזידענט פון שוהל
יעקב בן שלמה יונה גלאסטאן,

מיסטער הערמאן דער גבאי פון
דער שוהל האט אדורך גיפיהרט
דעם פאגראם צום בעסטע וואס איז
מעגליך גיוועזן עס האט זיך גישלאסן
מיט. התיקוה

בואכם לשלום אין תפארת
ירושלים שוהל פעפענו

זונטאג פ׳ בהעלותך לכבוד די יונגע
בחורים וואס זענען בשלום געקומען צו-
ריק צו זייערע עלטערען נאך פינף פינס-
טערע יאהרען, האט די שוהל קאנגרעגיי-
שאן תפארת ירושלים באשלאסען צו מא-
כען א יום טוב.
(חצי לה׳ וחצי לכם) האלב פאר׳ן הער-
פער מיט עסען און טרינקען מכל טוב און
האלב פאר׳ן גייסט, דערמאנענדיג די אלע
קרבנות וואס דאס אידענטום האט גע-
בראכט אויף דעם מזבח צו דער עבודה
זרה, מו״ך, צו אכזריות׳דיגע בלוטיגע
מלחמה — אלע בחורים 50 בערך מיט
זייערע עלטערען זענען אלע געקומען אין
שוהל.
מיר דריקען אוים א הארציגען דאנק
צו רבי בערגער אלס גאסט רעדנער מיט
זיינע שעהנע ווערטער וואס ער האט אונז
געגעבען. מיט זיין גאנצע דרשה האט ער
זיך געווענדעט צו אלע אידישע בחורים
אז זיי זאלען נישט פארגעסען אז זיי זא-
לען זיך מעהר און מעהר אינטערעסירען
אין אידענטום. די דרשה איז געווען פיין
און הארצליך פונ׳ם טיפסטען הארצען.
אויך א דאנק חזן האפקינס פאר זיין
אנטייל נעמען אין אונזער שמחה.
20-133-12

תשו

אחרון אחרון חביב

און אזוי ווי אייך איז באוואוסט אז רבי
[illegible] דענענבערג דער רב פון די שוהל חברה
[illegible] איז אויך איינגעלאדען געווארען
דער שמחה און צו באמערקען אז רב
דענענבערג איז אויך איינער פון אונזער
סביבה, און ער האט געהאלטען א
שעהנע דרשה פאר דעם גאנצען עולם.
דער אינהאלט פון דער דרשה: וואו דער
אלטער עלי הכהן, האט זיינע צוויי זיהן
חפני ופנחס געשיקט אין דער מלחמה מיט
די פלשתים וארון האלהים האבען זיי
מיטגענומען אין דער מלחמה (שמואל א׳)
עס איז געווען זעהר א שעהנע דרשה
אדורכגעפלאכטען מיט זעהר שעהנע ער-
קלערונגען. מיר דאנקען די צוויי רבנים וואס
זיי האבען א טייל גענומען אין אונזער יום
טוב. מיר דריקען אוים עפענטליך א דאנק
צו די עלטערען פון די קינדער וואס זענען
אהיים געקומען בשלום פון דער ביטערער
גרויסער מלחמה. די שוהל איז געווען פול
מיט מענשען. עס איז געווען א שמחה הן
אין רוחניות און הן אין גשמיות. אונזער
פרעזידענט יעקב גלאזמאן און דער גבאי
יחיאל הערמאן האבען אדורכגעפירט די
גאנצע צערעמאניע עכט אידישלאך. עס
האט געמאכט א גוטען איינדרוק אויף
דעם גאנצען עולם. מיר פאדאנקען די
אפיסערס וואס האבען אנטיילגענומען אין
דער שמחה. דער אווענט האט זיך געשלא-
סען מיט התקוה. און הלואי זאל שוין גע-
מען א שנת גאולה וישועה במהרה בימינו

ציון
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

פרעזידענט ראפארטעט אז ער מיט יש׳ הערמאן
האבען קלעקטעט דריי הינדערט, דאלער. פאר
מעות חטין, די געלד איז אוועק גיגעבען גיווארין
דורך גלאזמאן און הערמאן צום ועד העיר
עס איז גיפאסט אז דער באנקעט, פאר די צוריק
געקומענע סאלדאטען, זאל פאר קומען אין דעזעמ׳ 16
אין שוהל תפארת ירושלים, די אלע סאלדאטען זיינען
זוילקאם מיט זיירע עלטערין, אלעס פריי
די קומיטע, הערמאן, גלאזמאן, דובראווסק, קופמאן

נעשה ע׳ יחיאל הכהן

# יוסף מוקיר שבי
# יוסף, שומר שבת

עס איז אמאל געוועזן א. איד מיט'ן נאמען יוסף, און דער ר' יוסף געוועזן אַ פרומער, עהרליכער איד. אבער גאָר באזונדערס האט ער מקפיד געוועזן אויף שבת, און איהם אפגעהיט מיט אלע איינצעלהייטען, ר' יוסף האט, אפנים געוויסט פון דעם סוד, — אז מעהר ווי די אידען האבען אפגעהיט דעם שבת, — האט דער שבת זיי געהיט, האט ער מיט דער גרעסט שטרענגקייט אפגעהיט דעם שבת, און פארשטעהט זיך, אז ביי זיין שבת'דיגען טיש האט קיינמאל קיין פיש ניט געפעלט, איינער פון יוסף'ס שכנים איז געוועזן זעהר רייך, — ניט קיין איד, — ער האט געגלויבט זעהר שטארק אין — (. שטערען — זעהר, (פאראויסזעהער) און "טרעפער", — האט ער דורכאויס גיוואלט וויסען וואס די צוקונפט האט פאר איהם, איז ער אוועק צו אַ טרעפער. — און דער "טרעפער" האט אים געזאגט, אז זיין גאנץ פארמעגען וועט איבערגעהן צו זיין שכן. יוסף'ס הענט, אַ צערודערטער ביז גאָר, איז דער גביר ארויס פון דעם-טרעפער- -געטראכט, און געטראכט, זיך גע'עצה'ט, און האט ענדליך באשלאסען צו פארקויפען זיין הויז מיט'ן גוט ארום, און פאר דעם געלט האט ער געקויפט אַ גרויסען קאסטבארען דימענט, און איהם פארנייט אין היטעל, — ! - געהענדיג איינמאל איבער אַ בריק פון אַ טייך, האט פלוצים אויס געבראכען אַ שטורעם-ווינט, וואס האט ארונטער געבלאזען דאס היטעל אין וואסער אריין און עס איז פארשוואנדען געווארען — — — — —
ווען יוסף איז געגאנגען, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, דאנערשטאג קויפען פיש אויף שבת, האט ער דערזעהן אַ שעהנעם גרויסען פיש, ניט קוקענדיג וואס יעדע פרוטה איז ביי איהם געוועזן אַ גרויסע מטבע, האט ער דאך באשלאסען צו קויפען, **לכבוד שבת** דעם טייערן פיש, — ווען מען האט אויפגעשניטען דעם פיש, — האט אַ בלישטשע געטאן אַ געוואלדיג גרויסער דימענט, ר' יוסף האט איהם פארקויפט און געקראגען פאר איהם אן אוצר מיט געלד, — האבען דאך שוין די חז"ל באהויפטעט, אז וואס מעהר מען גיט אויס אויף שבת, אלץ מעהר ווערט פון הימעל באצאלט כפל

זעה אין גמ' שבת דף קי"ט

235

בית המדרש · תפארת ירושלים · בית הכנסת

תשו׳ 1946

ציון

# פרעזידענט יעקב גלאסמאן

אמיטינג איז אב ג'האלטען געווארען אין שוהל דעם (July. 16.) מ׳ ריטשלער אלעס סעקריטער, דער פרעזידענט האט באריכטעט אז דער באנקעט פאר די סאלדאטען וואס עס איז פאר געקומען, אין שוהל אין (16. דשזון) האט ג'קאסט די שוהל 20.6.45, און מען זאל אריינשטעלען אין קענעדער אדלער אדווערטייזמענט, די פראגע וועגען בעל מוסף. און אַ בעל שחרית אויף ר״ה ויה״כ, איז אב ג'ליינגט געווארען אויף נעכסטען מיטינג און אויך אפוינטען אַ קומיטע. די קומיטע זאל רעפארטען צום מיטינג וועגען די בעל תפלות

## אמיטינג אין שוהל
## Septe. 17. 1946

דער פרעזידענט האט רעפארטעט אז מען האט אויפגענומען חזן פסח האפקינס אויף ר״ה ויה״כ און סוכת אלעס בעל מוסף. אַ פרייז 400 דאלער, דאס מיינט אז די טרעזשערער זאל באצוהלען 300 ד׳ און די מעמבערס זאלען דענעטין 50. דאלער, דער בעל שחרית ב׳ ב״ג און אַ בעל תוקע, אַן אַ פרייז, עס איז אויס גיקליבען געווארין אַ קומיטע צו אטענדין די סיטס, אויף ר״ה ויה״כ

# ראש השנה אין שוהל

אַ מיטינג יעדער איינער האט ג'ווינשן דעם צווייטען אַ כתיבה וחתימה טובה

זונטאג
צום גדליה
29. סעפטעבער

ב׳ מאריס בראנז דער געוועזענער פרעזידענט האט געשאנקען אַ פָאהֶער עץ החיים. צו דער שוהל,

---

מ׳ סינגערמאן האט ג'געבען צו דער שוהל 150 דאלער אז מ זאל ארויפשטעלין דייערע ניימען אויף די עֶצ חיים. אין נָאמֶען פון זיין פרויה.

Congregation Tiferes Jerusalem Rossland

### ער וויס ווען צו מכבד זיין

---

לעצטען ראש השנה האט אין אַ געוויסער שוהל אַ שמש צוגעטראגען דיין טאבאק פישקע צו עטליכע אידען אין זיי מְכַבֵּד געווען מיט אַ שמעק טאבאק, ווען דער רב פון שוהל האט געזעהן ווי דער שמש קלייבט די מענשן צו געבען אַ שמעק טאבאק. האט עס איהם געפרעגט פאר וואס ער איז מכבד די מענשען, און ניט אויך קיין אנדערע ? —
פארשטעהט איהר, רבי — איך גיב שמעקען נאר צו די וואס אַ גאנץ יאהר שמעקען זיי אין שוהל ניט אריין. אפשר וועט דאס זיי פארשמעקען און זיי וועלען אנהויבען צו קומען אין שוהל אפטער,

Congregation Tiferes Jerusalem

נעשה ע׳ יחיאל כ״ץ

237
+239

# קאנגריגיישען

תפארת ירושלים

ווייס פרעזידענט און גבאי
יחיאל

.1946.

יעקב גלאסמאן

## שבת מוצאי יום הכפור שנת תש"ז ל'.

עס זענען זיך צו זאמען געקומען אלע מתפללים מיט זייערע פרויען, דער פרעזידענט עפענט דעם מיטינג און ווינשט אלע א גמר כתבה וחתימה טובה. דער סעקרעטער ריטשלער האט געלענט דעם פראטיקאל. און האט באריכטעט אז דורך דעם יאהר איז געווען דער קילעטעט געווארען 15 7025 זיבען הונדערט מיט 25 דאלער און 15 סענט, ערב יום כפור קאלעקשען די סומע 13 הונדערט, מיט 74 דאלר און 20 סענט

עלעקשענס — נאמינײשענס

פרעזידענט י' גלאזמאן האט מכבוד געווען דעם האנאר' פרעזידענט מ' בראנז איבער צו נעמען די טשער, פאר נאמינײשענס און עלעקשענס. רעזולטאט

י' גלאזמאן פרעזידענט ביי אקלימעשען | י' הערמאן ווייס פרעזידענט און גבאי ביי אקלימעשען | פאר סעקריטער, ב' טרהוב | טרעזשירער פ' קארזענשטיין | טראסטיערס יאכנקאוו, פ' דובראווסקי, ישעיהו הערמאן, הערמאן אלעס בעל קורא אויך פאר א רעווערענט פאר דעם יאהר תש"ז

כל נדרי אפיל 233,00

Novembe 10,

### א מיטינג

דער פרעזידענט האט געבעטען אלע ברודער זיך אויפשטעלען באדויערענדען דעם טראגישען טויט פון די פרוי פון ברודער ראובן פינסקי, און אויך דיין יונגע טאכטער וואס האבען פארלוירען זייערע לעבענס אין א טראגישען אומגליק, מען האט אויך באדארט דעם טראגישען אום גליק פון די פרוי, פון ברודער א' פינסקי ווער איז אויך די שנור פון ברודער ראובן פינסקי — הערמאן האט ראפארטעט אז ב' מענדיל קאפלאוויטש איז אין האספיטאל, אין דארף האבען אפעראײשען, ב' הערמאן, און ב' ווייסמאן א קומיטי צו מבקר חולה זיין, דעם ב' קאפלאוויטש

ב' קארזענשטיין האט רעזיגנירט פון זיין אמט אלעס טרעזשרער, מ' ווייס איז אלעקטעט געווארען טרעזשירער, עס איז אויך געפאסט געווארען אז מען זאל פיינטען די שוהל, דאן סטערס

נאוועמבער 26

### א מיטינג

דער טשערמאן האט באדאנקט דעם ברודער מארוס בראנז פאר דיינעם מתנה די עץ החיים, צו דער שוהל | ברודער הערי ריטשלער האט ניט אנגענומען אלעס סעקר', י' טריהוב האט זיך צוריק געצויגען פון דיינעם אנגענומען אמט אלעס סעקרעטער

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

מ' ב' קאלאוויטש איז געפעלען ער חולה. ארפואה, שלמה אמן,

נעשה ע' יחיאל הערמאן

241

# בית הכנסת תפארת ירושלים

גבאי הערמאן

פרעזידענט גלאסמאן

ש׳ תש״ז
December 22. 1946

## טו׳ כסלו חברה קדישה סעודה

גבאי פאָלעק דובראָווסקי 20 נאָוועמבער פון דער חברה קדישה
דער מיטינג פון די חברה קדישא, דער טשערמאן האט געפענט דעם מיטינג,
ער האט אפגעגעבען א בריכט, פון אַגאנץ יאהר, דער עולם פון די חֶלֶק, און אויך
איינגע בעל הבתים פון דער שוהל, מיט זייערה פרויהן, עס איז געפראוועט געווערען
זעהר אַ שיינע סעודה, און מען האט אויך ניט פארגעסען צו קלעטען אַ סומע געלד
פאר די נויט באדערפטיגע פון יענע זייט ים




## חנוכה פעסט
## 36, יערעדיגער

CONGREGATION TIFERES
ROSSLAND

דער מיטינג איז געעפענט געווארען פון ברודער י׳ גלאסמאן פרעזידענט
אין ב׳ הערמאן האט געבענשט חנוכה ליכט, און חזן האפקינס האט געזינגען
הנרות הללו, די קומיטע פון חנוכה באנקעט, פ׳ דובראווסקי, י׳ שווארץ, י׳ הערמאן,
ב׳ ה׳ ריטשלער האט געליינט דעם פראטאקאל, און איז גוט געהייסען, געווארען ביי
אלע מעמבערס, די מאזשארעטע האט אויס געקליבען ב׳ שמואל קאוושאוו
אלעס אַ טאסט-מעסטער פארן דעם באנקעט, מען האט געסערפט אַ שיינעם
סאפער הֶן מיט עסען, און מיט טרונקען יעדער איינער איז געווען זעהר צו פרידען,
דער טאסט-מעסטער האט געגעבען יעדען מעמבער דאס ווארט, דער לעצטער האט
גערעט ב׳ מ׳ בראנז, מ׳ בראנז, אויב וויל, ער האט אַ כבד פֶּה איז אבער זיין ריידע
געווען דער בעסטער, וויל עס איז געווען פול מיט אמת, און פון גאנצען הארצען,
מען האט געבענשט, און דער חזן האט געזינגען ראש השנהדיגע תפלות, און מען האט
געענדיקט מיט פרייליכען התיקוה

געשריבען פון י׳ גבאי

# בית הכנסת
## תפארת ירושלים

## שנת תשד 1947, March 5. פרעזידענט גלאסמאן

אמיטינג איז פאר געקומען, מיטוואך אסתר תענית, די מגילה האט געליינט י׳ הערמאן
עס איז באריכטעט געווארען אז מענדיל קאפאלאוויטש איז אין א געפערליכען צושטאנד
אלע האבען איהם געווינשען רפואה שלמה,

ב׳ ריטשלער האט ראפארטעט, אז די שוהל זאל טוהן א גרויסע מצוה, און ארויס צו ראטעווען א אידען פון פינסטערען גיהנום, - און אזוי ווי ער האט א קרוב א ראב, זאל די שוהל מקיים די מצוה, אין ארויס ראטעווען דעם רב, און בעווסטער ביזנעס מאן נעמט דיך אינטער, אז ער וועט דעקען אלע עקספענסעס, און געבען א באנד 20.000 ד ריטשלער אין מ׳ וויסמאן א קומיטע צו אטענדען די ביזנעס פון רב ...... מאן
אין אויך איז געווען די פראגע צומען זאל נעמען א חזן אויף פסח, עס איז געפאסט געווארען אז מען זאל נעמען, חזן האפקינס. אויף פסח, פרייז 50. דאל

**אפריל 29. כד אייר 1947.**

אמיטינג, א טרויריגער באריכט, אז מענדיל קאפאלאוויטש איז געשטארבען, -- יג׳ ניסן, דער פרעזידענט, און אלע אפיסערס, און אלע מעמבערס, האבען באדוירט דעם פארלוסט פון אינזערען א ברודער. מנחם מענדיל ב׳ר יעקב קאפיל, - און אלע האבען זיך אויף געשטעלט, אלעם רעספעקט צום נפטר

**מיטינג July 1**
**יג תמוז דינסטאג תשד**

ב׳ גלאסמאן האט ערקלערט, אז מען זאל זיך אינטערעסירען וועגען א חזן אויף ימים נוראים, ב׳ וויסמאן, טילנער, הערמאן, זלאטניקאוו, אויסגעקליבען אלעם אקומיטע פאר א חזן עס איז געפאסט געווארען, אז מען זאל פענטען, דאן סטעם די שוהל, און אויך אויססייד די ש׳ ב׳ הערמאן. ב׳ וויסמאן, א קומיטע פאר פענטען די שוהל,

געשטארבען מרת חוה אשת ב׳ יוסף אפרים נעבאק, יב׳ תמוז תשד
די קינדער פון זייערע פארשטארבענע מוטער האבען דענעטעט דאלער 500
פאר די שוהל תפארת ירושלים, אין נאמען פון זייערע מוטער חוה ע׳ה

**June 30. 1947**

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
צ״ח
ROSSLAND

אויפ'ן מהר"ל פון פראג ווערט
דער צעהלט אז אַ גלח האט איהם
אמאל געהאלטען אין שטעלען
~~צווישן~~ פראגען, צווישען אט די
פראגען איז אויך געווען איינע וועגען
דעם, פאר וואס אידען דערמאהנען
אין שמונה עשרה די אבות:" אברהם,
יצחק, און יעקב, אבער ניט משה
רבינו. וועלכער איז געווען דער
גרויסער אידישער מנהיג, און אזוי
פארהייליגט ביי אידען; — —
דאס איז דערפאר וואס משה רבינו
האט געהאט אַ פסול אין דער משפחה
— "" איז געווען דעם מהר"ל'ס ענטפער
וואס פאר א פסול, ? האט דער
גלח געוואונדערט; — ער האט געהאט
אַ שווער — יתרו — אַ גלח —



1947 תשז — קאנגרעגיישען: תפארת ירושלים — סעפטעמבער. 2טן

ציון

# רעזי גלאסמאן גבאי הערמאן

ב' מאריס בראנז האט פארגשלאגען אזוי ווי דער חזן מ״סטער, האט אַ ברודער אַ חזן אין יאראפ,.... זאל די שוהל טוהן, אַ טובה, און מצוה אז מיר פארלאנגען אַ חזן, און ער האט געפראמיסט אז ער וועט זיין פאראנטפארטליך פאר אלע עקספענס און ער חעט דענעטען צו די שוהל, 500 הינדעטער און ער האט גל״ך געגעבען אַ טשעק אויף 500, דער סוף איז געוועז, ער איז טאכע געקומען! אבער קיין חזן איז ער ניט, און אַ ביסעל טראבעל איז געוועז. (ודע לחכומה ברמוזה)

# ראש השנה און שוהל

די מעמבערס זענען אלע געוועזן צו פרידען פון חזן שעכטער, יעדער איינער האט געווינשען דעם צווייטען אַ כתיבה וחתימה טובה, און פון שלום, עס זאל הערשין שלום אויף די וועלט,

אַ ראפארט פון חַזָנוּת קומיטע אז חזן שעכטער וועט דאווענען, ראש השנה, און יום כפור, און סוכות, פרייז 600. דאלער, און ל. אליעזר ב״ג וועט זיין בעל השחרית און בעל תוקע, פרייז 75. דאלער

אַ סיט קומיטע, ר׳טשלער. זאדאנאווסקי.

תשח

גאולה שלמה

מהרה בישראל

ב' הערמאן האט געמאכט דריי פיקטשערס פון טַוועל, אויף איין פיקטשע איז אנגעשריבען די גאנצע מעמבערשיפ, אין דער צווייטע טוועל ווערט, דער מָאנט די אלע נפטרים פון דער געוועזע שוהל מיט זייערע נעמען,

מיר אחינו בני ישראל זעהנען פול מיט האפינונג אז מיט גאטס הילף וועלען מיר באזיגען די רשעים ..........

די יונגע יאדיעלך וואס זיי קעמפען פאר דעם כלל ישראל מיט מסורת הנפש די זעהנען מקריב מיט זייהר לעבען זיינען מיט האפינונג אז הקדוש ברוך הוא אז מיר וועלען מצלח זיין! און עס וועט זיין

וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

החנות פתוחה והחנוני מקיף, והפנקס פתוח, והיד כותבת, וכל הרוצה ללוות יבא
וילוה, והגבאים מחזירים תדיר בכל יום, ונפרעים מן האדם מדעתו, ושלא מדעתו,
ויש להם על מה שיסמוכו, | והדין דין אמת (פרקי אבות, פרק שלישי, ט"ז)

אַ פרייע קראַם, אלץ ווערט דארט אויף משכּנות געגעבען
אַ נעץ איז פאַרשפּרייט, איבער אלץ וואס טוט לעבען
די קראַם שטעהט אפען בּיי טאג ווי בּיי נאַכט.
פון דיין וויגעלע בּיז צום קבר, איז עס קיינמאל פאַרמאַכט,
דער קרעמער גיט איך דארט אלצדינג אויף בּאָרג
אין אפענעם בּוך, פאַרשרייבּט איהר, האָט נישט קיין זאָרג.
ווי שטיינער אין גאל, אין בּלאדער, דער קענסער חלאַת
אַ שוואַכע הארץ מיט די ווייסע פעסט, די מרשעת,
איהר האַט אליין דאס פאַרשאפט, בּאַשולדיגט ניט קיינעם
איהר האַט זיך פאַרגלוסט צוהאָבּען אַ פיגור אַ שעהנעם,
געפינט איהר קאָרסעטען, וואס ווערען איך איינציהען
אז דאס בּלוט אין אייער פנים וועט אַנהויבּען בּליהען....
די קאָלעקטערס געהען ארום איינמאָנען אָהן דיין וויסען
נאָך בּעפאר דו געהסט דיין לעבּענסבּוך שליסען,
די קאָלעקטאָרס, זיי האָבּען דאָך אויף וואס זיך צו שטיצען
די האסט דאָך דיין האַנט אין זייער בּוך אליין געטאָן קריצען,
צום סוף אָבּער, ווערען אלע צו דער סעודה געגרייט
אויף יענער וועלט, פון אלע דיינע קראַנקהייט בּאַפרייט,
דאס איז אַ געזעץ פון נאַטור, אויף דיין קאָרציגקען לעבּען
דער אמת'ער משפּט, וואס איז פון גאָטהייט געגעבען

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

גבאי
יחיאל כ״ץ

בית הכנסת תפארת ירושלים
שנת
תש״ח

פרעזידענט
גלאסמאן

SEPTEMBER 24 1947

אמיטינג מיטוואך מוצאי יום כפור י׳ תשרי. די אלע מתפללין זעהנען זיך צוזאמען געקומ״
דער טשערמאן האט געפענט דעם מיטינג, דער סעקריטער האט ג׳ליינט דעם פראטיקאל ! און ער
איז גוט ג׳הייסען געווארען ב״ די גאנצע מאזשארטע. עס איז פארגעקומען נאמיניישענס
און עלעקשענס – דער רעזולטאט י׳ גלאסטאן פרעזידענט, י׳ הערמאן וו״ס פרעזידענט,
וו״סמאן טרעזשירער, טראסטיס יאכניקאוו, ישעיהו הערמאן, פ׳ דובראווסקי, ז׳ קאפמאן
יחיאל הערמאן איז ערוועלט געווארין אלעס רעזורעט, און בעל קורא פאר דעם יאהר

א קומיטע צו
קויפען אתרוגים
י׳ הערמאן. מ׳ וו״סמאן

כל נדרי אפיל
דאלער
578.00




# טו׳ כסלו חברה קדושה סעודה

עס ז״נען זיך צו זאמען ז״הר אַ ש״נער עולם מענער מיט ז״הרע פרוהען
עס איז אויך א״נג׳לאדען געווארען, פרייוועט בעל הבתים צו די סעודה של מצוה
פַאלֶעק דער גבאי פון דער חֶזקַ׳ האט געעפינט דעם מיטינג, דער סעקריטער
מ׳ בראנז האט ג׳לענט דעם פראטיקאל פון אַ גאנץ יאהר טעטעקייט.
מען האט אָב ג׳געבין כָּבוד צו א׳נזערע נפטרים. מען האט זיך אויפגעשטעלט
און אויך נישט פאר געסען צו דער מָאנֶען דעם יודישען צער פון דער גאנצער וועלט
מען האט ג׳בעטען אז ב׳ יחיאל הערמאן זאל עקלעהרין דעם באטאטונג פון דער
ה״נטיגע סעודה טו׳ כסלו. דער עולם האט פ״ן פאבראכט. (הן רחניות א׳ן גשמיות)
מען האט געמאכט לחיים. און מען האט ג׳ווינשען אז די חברה קדישה זאלען
ניט האבען קי״ן מתים, אַ גאנץ יאהר, א׳ן די אלע רשעים זאלען באקומען אַ שטראף פון
גאט ברוך הו. א גוטע נאכט האט זיך ג׳הערט פון יעדען א״נעם
ב׳ דוד שלמה גאלדבערג האט דענטעט .00/ דאלער צו ז״ן זוהנס בר מצוה יעקב יהושע

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

נעשה ע׳ יחיאל כ״ץ

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND




# מזל טוב

# אַ אידישע מלוכה

זונטאג י״ז כסלו פרשה וישב תש״ח: נאוועמבער 30. 1947

כ׳
אנכי יי
לא יהיה
לא תשא
זכור את
כבד את

תורה
לא תרצח
לא תנאף
לא תגנב
לא תענה
לא תחמד

דאס איז די גרעסטע
היסטאר׳שע געשעה-
עניש אין משך פון
אינזער צוויי טויזענט
יאהריגען גלות.
אין אלעס אזא וועט
עס פארשריבען
ווערען אין אינזער
געשיכטע אין פנקס
לדורי דורות

נעשה ע״י יחיאל כ״ץ הערמאן

249 קדכ

פרעזידענט יעקב גלאסמאן · בית הכנסת תפארת ירושלים · יחיאל הכהן גבאי

DECEMBER 14, 1947



# שנת תשח״ז

# 37,

# יערעדיגער

# חנוכה פעסט

זונטאג ז׳ חנוכה דער פרעזידענט האט געעפנט דעם חנוכה מיטינג מיט אַ שיינע צערמאניע איז פאער געקומען אין שוהל, ב׳ הערמאן האט געבענשט חנוכה ליכט. – דער טשערמאן האט אויף געפאדערט ב׳ יחיאל הכהן און איהם געבעטען אז ער זאל עקספלענען דעם עולם, דעם באדייטונג פון חנוכה ב׳ הערמאן לאזט זיך ניט לאנג בעטען און ער פאנגט אָן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן ! – רבותי. אזוי וויא היינט איז דער 37. חנוכה יוביליעם פון אונזערע שוהל דארפען מיר זיך היינט מְשַׂמֵחַ זיין מיט פערשידענע מאכלים, און מיט יאַדְעשֶׁע געזאגען, און מ׳ הערמאן האט געענדיקט זיין ספיטש (דרושה)

ווענען די פראגע פון חזן מייסטער, וואס ער פארלאנגט צוריק די 500 ד׳ פון דער שוהל. און אויב נישט, וועט ער רופען די אפיסערס צום משפט השלום, און מען האט עהם קוריג געגעבען 2.50 הינדערט .. און אזעלכע זאכען זאל שוין מער ניט פאסירען

״תפארת ירושלים״ שוהל אין פאפיניז שאפט הונדערט דאלאר פאר׳ן קרן קימת לישראל

דער אידישער פאלקס-אינסטיטוט איז געקומען צום אויסדרוק לעצטען זונטאג אווענד ביי דער פייערונג פון 38-יאהרי-גער עקזיסטענץ פון דער תפארת ירושלים שוהל אין פאפיניי, וואו א פארהעלטניס-מעסיג קליינע צאהל מיטגלידער פון דער שוהל האט זיך פארזאמעלט ביי דעם יער-ליכען באנקעט פון דער שוהל. מר. דזשיי גלאסמאן, פרעזידענט פון שוהל, האט הארציג באגריסט די פארזאמעלטע, און דאן געגעבען דאס ווארט צו מר. הערמאן, גבאי פון שוהל. מר. הערמאן האט גע-רעדט וועגען דער באדייטונג פון חנוכה. און דאן איז מר. קאוושאוו באשטימט גע-ווארען אלס טאסטמייסטער פון דעם באנ-קעט. אלערערשט האט ער געמאכט א פרעזענטאציע צום פרעזידענט מר דזשיי גלאסמאן, א גאלדענעם זייגער, וועלכען די אפיסערס האבען געשענקט פאר זיין געטרייע ארבייט פאר דער שוהל. נאכדעם ווי עס האט גערעדט מר. מאריס בראון, עקס-פרעזידענט פון דער שוהל האט דער גאסט-רעדנער מר. מ. גינזבורג געהאלטען א לענגערע רעדע און גלייכצייטיג גע-מאכט אן אפיל פאר דעם קרן קימת פראָ-יעקט פון די היגע אידען, און באזונדערס זיך אפגעשטעלט אויף דעם פראיעקט פון שכונת הרב צבי הכהן. דער ענטפער האט איבערגעשטיגען אלע ערווארטונגען. איי-ניגע זענען געווארען ״גרינדער״ פון דער ערשטער נייער שטאט אין נגב און אנדע-רע האבען אויך בייגעטראגען די היבשע סומען. דער סך הכל איז געווען צוועי הונדערט דאלאר, וועלכע דער טשערמאן, מר. גלאסמאן מיט מר. מאריס בראון הא-בען מיט גרויס פרייד געמאלדען.

א ליסט פון די דאנארס וועט קומען באזונדער. דערמיט האבען די אידען פון דער תפארת ירושלים געשלאגען פשוט א רעקארד. און זיי קאנען דינען אלס ביי-שפיל פאר אלע אנדערע שוהלן.

מאן האט געבענשט חנוכה ליכט.

אין אלגעמיין — עס איז געווען א אווענד, וואס די אידען אין פאפיניי וועלען לאנג געדענקען, און איבערהויפט האבען זיי זיך געפרעהט וואס זיי איז געלונגען צו שאפען אזא פיינע סומע געלד פאר גאולת הארץ — פאר דעם מחלקת החרדים פון קרן קימת לישראל.

ב׳ הערמאן האט זיך אנטזאגט פון זיין אמט, אלעס גבאי פון שוהל

ב׳ יחיאל הכהן, .....
דער בעל-קורא פון שוהל האט זיך אנטזאגט, צו זיין דער בעל-קורא פון שוהל

דער פרעזידענט גלאזמאן האט באדאנקט די אלע מעמבערס פאר דער שיינע מתנה, וואס די שוהל האט איהם פרעזענ-טירט ביי דער חנוכה סעודה

די מתנה איז באשטאנען פון אַ גוטען (ריס וואטש.) אַ זייגער אויף דער האנד

נעשה ע׳ יחיאל הערמאן

אנכי ה׳ לא יהיה לא תשא זכור כבד לא תרצח לא תנאף לא תגנב לא תענה לא תחמד

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

אויף ר׳ עקיבא איגר דערצעהלט
מען, אז ער האט אמאל געהאט
אן אורח צום סדר, — האט זיך ב׳ים
אורח אויסגעגאסען דער כוס וו״ן
און דער טישטוך איז באפלעקט
געווארען, האט דער אורח זיך
געפיהלט שטארק דערשלאגען,
אז דער גאון האט עס באמערקט
האט מיט׳ן ארבעל אַ שאר געטאן
זיין אייגענעם כוס און איהם איבער
געקערט. — דער טיש שאקעלט
זיך. — האט ר׳ עקיבא באמערקט,
און דער אורח האט זיך אנגעהויבען
פיהלען היימליכער,

# די שוהל תפארת ירושלים

FEBRUARY 24 1948

פרעזידענט י' גלסמאן

שנת תש״ח

יחיאל הערמאן הכהן גבאי

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

---

א מיטינג אין שוהל, דער פראקטיקאל איז
פאהר געלעדען געווארען, אין גוט גיה״יסען,
די פראגע פון קלעקטען מעות חטים, איז
עהרוועלט געווארען, ב׳ ריטשלער, ב׳ ווייסמאן,
אין די האבען קלעקטעט: 231 הינדערט ד׳

---

א טרויריגע באריכט, אז ישׂשכר ראזנעפלד
איז געשטארבען ט״ז שבט די שוהל
האט באדוירט די פאמיליע, אין אלע
האבען זיך אויף געשטעלט אלעס רעס=
פעקט צו דעם נפטר ישׂשכר ראזנפעלד

---

עס איז געווען א ריפארט פון פרעזידענט
אז עס איז פארהאן צו-קויפען א פלאץ
פאר סעמעטירי, אקעגען אונזערע [redacted]
(בית החיים), דאס וועט זיין אויף (להבא)
וויל אונזערע אויגען קוקען אויף א
ביסעל ווייטער ווי מיקען (דע לחכומה ברמוזה)
עס איז גלייך עהרוועלט געווארען א קומיטע
צו פארהאנלען וועגען דעם פלאץ וואס
דער פרעזידענט האט באריכטעט

נ״פ
ישׂשכר
בר אנשיל הכהן
ראזענפעלד
ט״ז שבט תש״ח

1948 27 IANUARY

---

## א מיטינג אין שוהל

אפריל 13,

עס איז קלעקטעט געווארען ביי די מגילה ליינען
א סומה געלד, פאר עזרת התורה, די געלד האט
דער פרעזידענט אוועק געטראגען צום
וועד הרבנן,

---

די סיק קומיטע האט ראפארטעט, אז ברודער
קרעפאק פילט זיך אסאך בעסער פון זיין
שלאפקייט

---

## חזן אויף פסח

ס׳איז געפאסט געווארען אז מען זאל אויף
נעמען משה קארבער אלעס חזן אויף
פסח פרייז 25 דאלער.

אַ ישובֿניק האט געהאט געגעבן
זיין אלטע הגדה צום איינבינדער,
און אז עס איז געקומען צום סדר
און ער האט שוין געהאלטן ביי "חַד גַדְיָא"
האט ער זיך געכאפט אז דאס בלעטעל
וועגן "רבי אלעזר" און "רבי יהושע"
איז ארייגעזעצט געווארען אינם חד גדיא,
— זעה נאר, שרה — רופט ער זיך אפ
צו זיין ווייב — אזוינע פיינע אידען, און
זיי זיצען אין חַד גדיא,

253 קט

1948,

בית הכנסת

# שנת תשח תפארת גבאי

# ירושלים

פרעזידענט גלאסמאן הערמאן

11. MAY.

אַ מיטינג אין שוהל לג בעומר: דער אפיל וואס דער פרעזידענט האט גימאכט פאר די י׳פ׳א׳, יאנייטעד פאלעסטיין אפיל, קאלעקטעט 2.70 הינדערט און זיבעציג, ארומרײדענדיג די פראגע פון די י׳פ׳א׳, איז געפאסט געווארין אז די שוהל זאל דענעטין צו דעם אפיל, וואס די שטאָט מאכט פאר פאליסטיין די סומע פון 500 דאלער -- די פראגע פון אַ חזן אויף שבעות, האט ב׳ גאלדבערג גימאכט אַ פארשלאג, אז די סומע געלד וואס מען דארף צוהאלען א חזן 30 דאלער פאר שבעות. זאל מען די געלד צו די ערשטע סומע צו לייגען פון 270 דאלער אין זאל עס ווערין 300 פאר (די י׳פ׳א׳ פאלעסטיין)

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

SEPTEMBER 7.

## אַ מיטינג

אַ טרויריגע מארגען, מיטוואך און דער פרי, גייענדיג אין שוהל איז ער אויפ׳ן וועג געשטארבען, אלע מעמבערס האבען איהם באלייט צו זיין אייביגע ראי. דער פרעזידענט האט געהייסין אלע מעמבערס זיך אויף שטעלען, אלעס רעספעקט צום פארשטארבענעם יהושע העשל בר׳ צבי, זאדאנאווסקי

נפ׳ יד׳ אב

תהא נפשו צרורה בצרור החיים וינח על משכבו בשלום אמן

עס איז ערוועלט געווארין א קאמיטע צו פארהאנדלען וועגען א חזן אויף 20 סעפטעמבער ימים נוראים, די קאמיטע האט ראפארטעט, אז זיי האבען צו גענומען אַ חזן פרייז 300 ביז אַ בעל שחרית, און אזוי ווי די שוהל נויטיג זיך אין אַ שמש האט די שוהל צו גענומען, א מאן פון דער סיטע, אלעס שמש און בעל קורא אין חזן, פרייז 1000 דאל אַ יאהר, דער אגרימענט אויף 2 יאהר, דער נאמען פון שמש איז משה יוסף גליק, -- דער נאמען פון חזן אויף ימים נוראים - יוסף בערענשטיין ...

ביי דעם מיטינג האט מען באצוהלט צו מ׳ טקאטש פאר פיקסען דעם בעסמענט די סומע 135 $

# ראש השנה אין שוהל

תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים

נע׳ ע״ יחיאל כ״ץ


נ״פ
איש תם וישר
שעוסקי תמיד
בצרכי צבור שהלך
לעולמו נ׳פ׳
יהושע העשל בר
צבי זאדאנאווסקי
יד׳ אב ת׳ש׳ח
AUGUST 19 1948
ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳

OCT 13

1948 — 1949

תפארת ירושלים
שנת
ת ש ט

פרעזידענט
י' גלאסמאן

גבאי
י' הערמאן

# מיטוואך מוצאי יום כפור. שנת תש"ט

די שוהל איז ליכטיג, עס זענען זיך צו זאמען געקומען אלע מעמ=
בערס, מיט זייהרע פרויהען אין שוהל. דער פרעזידענט עפענט דעם
מיטינג און ווינשט אלע, גמר כתיבה וחתימה טובה, און האט רעפארטעט
אז דער כל נדרי, אפיל. האט אריין געבראכט די סומה 34.00 הינדערט. און אויך
פאר ישראל אפיל 2.65 הינדערט ראלער 13. OCT







עס איז פאהר געקומען נאמינ"=
שענס. און עלעקשענס. דער
רעזולטאט, פרעזידענט יעקב
גלאסמאן, וו"ס פרעזידענט און גבאי יחיאל
הערמאן, וויסמאן, טרעזשירער, ב' טקאטש,
יהשעו הערמאן. יאכניקאוו, סינגערמאן, אלעס
טראסטיס. י' הערמאן רעוורענט,

עס געפאסט געווארען אז ברודער אליעזר ב"ג
זאל אפ ברענגען דעם סעמיטרי באטען צו דער
שוהל



צווי "קיהעלאך" וואס גיבען מילך
אַ פרימער איד אין אַ היימיש
שטעטעל איז געווארען אַ נשרף.
עס האט געזאלט הייסען אז ער
איז ארויס, בעירום ובחוסר כל.
אבער אז מ'האט איהם געפרעגט
וואס איהם פעהלט, האט ער געענטפערט
— ווי באלד עס זענען מיר געבליבען
מיינע צווי "קיה" האב איך ניט וואס צו
דארגען — וואס פאר אַ קיה? - פרעגט
מען דעם אידען, וויסענדיג אז ער האט
ניט געהאט קיין קיה? — איך מיין דעם,
"כי בשם קדשו בטחנו" און כי בו ישמח
לבנו" איז געווען דער ענטפער.



די שוהל תפארת ירושלים

שנת תשט — 1949, 1948.

פ׳ רע״ז גלאסמאן — גבאי יחיאל




# טו כסלו חברה קדושה סעודה

עס זיינען זיך צוזמען געקומען אלע געבעטענע געסט, מיט זייערע פרוי׳ען,
דער גבאי פאלעק דאבראווסקי האט געעפענט דעם מיטינג, און דער סעקריטער
מ׳ ברוך בראנז, האט געלענט דעם פראטיקאל פון אגאנץ יאהר טעטעקייט, ——
מען האט אב געגעבען כבוד צו אלע נפטרים פון אונזערע שוהל, דער גאנצער עולם
האבען זיך אויף געשטעלט, אלעס אצייכען פון צער, — מען האט אויך געפאדערט —
ר׳ יחיאל הכהן, אז ער זאל עקלערין, דעם באטאטונג פון דער היינטיגע סעודה ט״ו
כסלו, דער עולם האט פיין פאבראכט (הן גשמיות, אין הן רחניות).
מען האט געמאכט אַ לחיים, מען האט געווינשען אז די חברה קדושה, זאל ניט
האבען קיין מתים אגאנץ יאהר, און אלע רשעים זאלען באקומען אַ שטראף

חנוכה פעסט 8.




38, יערענדיגער

זינטאג זאת חנוכה
דער היינטיגער חנוכה
פעסט איז אויך
אזוי ווי אלע יאהרן
געפרוועט געווארען
מיט פראכט און
גלאנץ, ב׳ הערמאן
האט געבענטש
חנוכה ליכט, דער עולם
האט פיין פאבראכט אויפ׳ן
שענסטען און בעסטען אויפ׳ן און מען האט געפינעשט מיט התיקוה

אויפ׳ן מהר״ל פון פראג
דוערט דערצעהלט, - אז אַ
גלת האט איהם אמאל געהאלטען
אין שטעלען פראגען. אי״ן
פראגע איז געווען, פאר וואס די
אידען דערמאנען אין שמונה
עשרה, די אבות אברהם, יצחק,
יעקב. אבער ניט משה רבינו.
וועליכער איז געווען דער גרויסער
אידישער מנהיג אין פארהייליגט
ביי אידין; — דאס איז דער פאר
וואס משה רבינו, האט געהאט אַ
פסל אין דער משפחה -- איז
געווען דעם מהר״לס ענטפער,
וואס פאר אַ פסול? האט זיך דער
גלח געוואונדערט, ער האט געהאט
אַ שווער יתרו, אַ גלח --

יעקב גלאסמאן
פרעזידענט

בית הכנסת תפארת ירושלים

שנת
תשט

גבאי
יחיאל הכהן
הערמאן

Jan 11. 1949.

אַ מיטינג אין שוהל, ר' משה יוסף גליק. אלעס שמש. האט זיך אנטזאגט פון דער שוהל, איז געפאסט געווארען אז מען זאל געבען 100. דאל' באָנס צו מ' גליק פאר דיינע גוטע ארבעט צו דער שוהל אין אזוי ווי מיר האבען אגוטען (גאט) אין הימעל, און ער פאר לאזט ניט אַפילע קיין ווערעמיל, אין דער ערד. האט ער אונז צו געשיקט אַ מַאן וואס איז פאסיק פאר דער שוהל **תפארת ירושלים** מיט דעם נאמען. ירמיה קליין, אלעס...... חזן, אין בעל קורא. אין צו אטענדען די שוהל — אַ גאנץ יאהר, פרייז 25. דאלער אוואך, דאס הייסט 1200. הינדערט דאלער אַ יאהר.
ב' בראנז האט באריכטעט אז עס איז, פארהאנען צו קויפען סעמעטרי (בית חיים) פון בַּאַראָן די ה"במַקַח הַשָּׁוֶה" און די שוהל האט איהם געגעבען די פֿאַלע רעכט צו האנדלען וועגען דעם מקח, אין צו ברענגען אַ ראפארט צום נעקסטען מיטינג,

כ"ט טבת 30. Jan.

# אַ מיטינג אין שוהל

עס איז פארגעקומען אַ דיבאטע, אזוי ווי די שוהל האט אַ גרויסע אויסגאבע, די הוצאה איז גרעסער ווי די הכנוסה, איז געפאסט געווארען, אז העכערען די דיועס איד מיטיג, נאר ביי נעקסטין מיטינג וועט מען פאר האנדלען, די סומע פון העכערינג די דיועס,

FEBR. 8,
ט' שבט

עס איז ווידער פארהאנדילט געווארען די פראגע פון רעדזין די דיוס, די מעמבערס האבען געפאסט מיט א מאַזשאָרטי 12. אַ יאהר, 6 דיאס אין 6 דאלר אַסעסמענט, אַ קומיטע פאר (מעות חיטין), ריטשלער, וויסמאן. — עס איז געקומען פון האספאטאל אַ לעטער אויף האפ — צו מיר ווילען האבען אַ גאווירנער אין דייהר בארד, ... אין אויב יא זאלען מיר אריין שיקען אַ טשעק פין 15 דאלער און מיר האבען געפאסט אז אינזער פרעזידענט יעקב גלאזמאן זאל זיין גאווירנער אין האספיטאל אַף האפ פון דער שוהל תפארת ירושלים

## ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער

האט אמאל. גייענדיג אין גאס, באגעגענדיג אַ יונגערמאן לויפענדיג שנעל. כמעט אַהן אַן אטעם, — וואוהין לויפסטו. עס, אזוי שטארק — יונגערמאן? — האט אים דער באַרדיטשעווער געפרעגט, — איך לויף זוכען פרנסה פאר מיר אין פאר מיין פאמיליע — האט אים דער יונגערמאן געענטפערט. — און פון וואנען ווייסטו — האט אים דער באַרדיטשעווער ווידער געפרעגט, — אז דיין פרנסה לויפט פאַר דיר, און דו יאגסט איר נאך? טאמער איז גאר דיין פרנסה הינטער דיר, און מיט דיין לויפען אנטלויפסטו פון איר?....

אַ חזן איז געשטאנען ימים נוראים ביים עמוד, און האט זיך געגארגלט ביי "אף על פי שאיני כדאי", געהט צו אַ בעל-הבית און פרעגט איהם אין שטיל: חזן, אז איהר קענט נישט, אין איהר טויגט ניט, צו וואס קריכט איהר צום עמוד? ענטפערט דער חזן: על כן אבקש. דריבער בעט איך, אז מען זאל האבען איינזעהעניש מיט מיר, און מיר פון עמוד ניט אַפּטרייבען,












אַ רב האט אמאל באגעגנט.
שבת בייטאג, זיינעם אַ געוועזענעם
בעל־הבית, וועלכער איז פריער
געווען אַ פרומער איד. געטראגן אַ באָרד
און געווען אַ שומר שבת. און איצטער —
זעט ער אים אַ "גלוח". אפגעגאלט די באָרד
און טראגט די גאלדענע קייט פון זייגער
בפרהסיא, — מאכט דער רב צו אים —
איצט פארשטיי איך פארוואס אויפ׳ן ווארט
"והתגלח" (ויקרא י״ג) שטייט אַ "שלשלת"
(שלשלת איז אזא "טראפ" און אויך אַ "קייט")



קאנגרעגיישען תפארת ירושלים

ת'ש'ט
פרייטאג יום ו'
י'ט' שבט פרשת יתרו
FEBRUARY 18.
1949

# ווייצמאן איינגעשווארען פרעזידענט
# פון ישראל מיט אַ שהחיינו און תקיעת שופר

April. 24. 1949.
פרשת: שמיני כ'ה ניסן
ת'ש'ט

## א מיטינג אין שוהל

ביי דעם מיטינג איז באשלאסען געווארען, אז מען זאל מאכען אקאמפּייען צו קלעמטען געלט, צו קלינען די שוהל, - נאהר ווען מען וועט וויסען וויפעל עס וועט זיין דער פרייז פין דעם קלינען די שוהל, פורים צו דער מגלה איז קלע'טעט געווארען אַ סומע געלט פאר עזרת - התורה. און אב געגעבען צו ריכטיגען פלאץ

## פסח אין שוהל

אלע מעמבערס זענען - זיך צוזאמען געקומען אין שוהל צו הערען אינזער יעהרעדיגען חזן דאווענען, אלע זענען געווען צופרידען פון זיין תפלת און זיין געשמאקען דאווענען, דאס איז דער חזן ירמיה קליין,

June. 21.
סיון י'ב'

ביי דעם מיטינג איז געמאכט געווארען אַ פּעפּער, מיט דעם פענטנער פאקס אוים צופענטען די שוהל פרייז 50, 700
מ' מארקאוו האט דענעטעט פענט צו דער ש'

אויך איז מ' ביג, אויף גענומען אלעס בעל שחרית פאר יום טובים, - אבער ליידער איז געקומען אַ שלות פון מ' ביג אז ער פילט ניט ביים בעסטען געזונט. אין קען ניט קומען זיין אַ בעל שחרית - - - -
מען האט צו גענעמען אַ מאן פינחס קליין אלעס אבעל שחרית, פאר פרייז 75.

# יזכור

יזכור אלוקים את נשמת הגבורים, החלוצים והבחורים אשר
מסרו את נפשם על גאולת ישראל, ימציא מנוחה נכונה
תחת כנפי השכינה, לתפארת בחורים ומחמד העלמות,
זקנים ונערים, אבות ואמהות שנפלו במלחמת הקודש,
שנהרגו, ושנשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו ושנפזרו
עצמותיהם ולא הובאו לקבר ישראל, מנשרים קלו ומאריות
גברו לפדות אדמתנו ולהשיב שבותנו ולהרים קרננו
בציון כבתחילה, לכן בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו
לעולמים ויצרור בצרור החיים נשמתם במעלת קדושים
וטהורים, כזוהר הרקיע מזהירים ובאור מדינת
ישראל מאירים, **אמן**,



# קאנגרעגיישען תפארת ירושלים

ישראל

## פרעזידענט ברוך בראנז — גבאי יחיאל — גבאי שני טיקאטש

### שנת חמשת אלפים ושבע מאות ועשרה לפ״ע

## מיטוואך מוצאי יום כפור אין שוהל

דער פרעזידענט ב׳ גלאזמאן האט געעפינט דעם מיטינג און ווינשט אלע אווזענדע א גמר כתיבה וחתימה טובה. אין האט ראפארטעט אז דער כל נדרי אפיל האט אריין געבראכט א 51 600 הינדערט.

נאמינשענס — עלעקשענס

## עס איז פאהר געקומען

רעזעלטאט פ׳ בראנז, גבאי יחיאל הערמאן.
גבאי שני דוד טיטקאטש, טרעזשירער דוד טילנער, גאלדבערג סעריטער, ב׳ הערמאן אלעס רעוורענט פאר דעם יאהר 1950,
די קומישע צו קופען אתרוגים יחיאל הערמאן, יעקב קרעטשמאן,
א קומיטע אוועק צו טראגען, כל נדרי געלט אויף ריכטיגען פלאץ. גלאזמאן, הערמאן

December 18.

December 4, 1949.

מ׳ בראנז האט געעפינט דעם מיטינג, און האט אויף גינאמען די פראגע, פון העכערען די דיוס פון דער שוהל, עקלעהרינדיג, אז מיט די געלט, וואס די שוהל קריגט אריין קענען מיר ניט אויפהאלטען די שוהל, — — אין נאך א לאנגע דיבאטע, איז געוועזן א פארשלאג געמאכט געווארין פון ב׳ קרעטשמאן, אין גישטיצט פון ב׳ קופמאן אז 1/2 דאלער א יאהר דיוס, זאל גירעכענט ווערין יעדען מעמבער, נישט אריין רעכענדיג א סיט אין עליות — — א רעקאמאנדאציע פון דער באָרד אז מען זאל דוס אריין ברענגען צו א דזשענעראל מיטינג, א פארשלאג פון ב׳ טריהוב אין ג׳שטיטצט ביי ווסמאן אזוי ווידער מיטינג וועט פאסען אזוי וועט זיין

א דארפס־גוי האט זיך מגייר געווען, פונקט
ראש חודש שבט. לכבוד ראש־חודש האט מען אין
בית־המדרש גימאכט לחיים, און מען האט דעם
גר אויך מכבד מיט אַ כוס, חמשה־עשר בשבט, האט
מען אויך גיטרינקען אין בית־המדרש משקה, און
מען האט דעם גר אויך מכבד מיט אַ כוסה. —
ראש־חודש אדר — ווידער (מיקון) געטרינקען לכבוד
דעם פריילעכן חודש, נאכדעם — פורים, איז דאך אַ
אודאי אַ מצוה צו טרינקען, שפעטער, ראשחודש
ניסן, יום טוב פסח. — מ'האט געטרונקען, און דער
גר איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. — אינמיטן
זומער באגעגענט זיך דער גר מיט אַן אנדער דארפס
גוי, — פרעגט אים יענער: "איוואַן ווי געפעלט דיר די
אידישע אמונה עפעס"?... מאכט איוואן — צום גוי:
אוי, ברודער, ס'איז אַ גן עדן ביי אידן, מ'האלט אין איין
טרינקען!. זאגט דער גוי: — אויב אזוי וועל איך אויך
אננעמען די אידישע אמונה, — געזאגט און געטאָן,
ער האט זיך מגייר געווען אין חודש תמוז, געקומען
"שבעה עשר בתמוז" מ'פאסט, די דריי וואכען" —,
מ'קלאגט "תשעה באב" — מ'פאסט און מ'קלאגט.
ראש חודש אלול" — מ'וויינט "יום כפור" — מ'פאסט
און מ'וויינט — לויפט דער גוי אוועק צום פריערדיק גוי
מיט אַ געוואלד: ס'טייטש? די האסט מיר געזאגט
אז ביי אידן טרינקט מען און ס'איז פריילעך; צום סוף־
פאסט און מ'וויינט" מאכט דער ערשטער גר צו איהם:
האסט אַ ביטער מזל, דינט דו ביזט געקומען, האסטו
באלד [illegible]...

# בית הכנסת תפארת ירושלים

מדינות ישראל

## ט״ו כסלו חברה קדישא סעודה

## שנת מנהג תרנ״ט

עס איז אַ מנהג, בכל ישראל, אז מען זאל מאכען אַ סעודה של מצוה ט״ו כסלו, האלטען מיר פון דער מצוה. עס זענען זיך צו זאמען גיקומען אלע חברה קדישה לייט. אין אויך אַפאער בעל הבתים פון שוהל. מיט ז״ירע פרויען אין דער גבאי פאלעק דאבראווסקי, האט געעפענט דעם מיטינג, אין דער סעקריטער מ׳ בראנז האט גילעינט דעם פראטיקאל, פון אגאנץ יאהר, אין אלע פערזאהנען האבען זיך אויף געשטעלט. אפ צו געבען כבוד צו אלע נפטרים פון אינזערע שוהל, - דער עולם האט פיין פאבראכט (הֵן גשמיות. אין הן רחניות) מען האט געמאכט לחיים. און מען האט געווינשען ד׳ חברה קדישה אז זיי זאלען ניט האבען קיין מתים דעם יאהר



## 39, יערענדיגער חנוכה פעסט

דער פרעזידענט ב׳ בראנז האט געעפענט דעם מיטינג, חזן קליין האט גיבענשט חנוכה ליכט, דער פרעזידענט האט באדאנקט די קומיטע פון צוגרייטען דעם סאפער, גלאזמאן. דאבראווסקי. קאפמאן טילנער, און אַ שיינע צערמאניע איז פאהר געקומען אין שוהל, דער סעריטער ב׳ גאלדבערג האט דאן גילײנט דעם פראטיקאל פון אַ ספּשיל באָרד מיטינג, אין גוט גיהייסען ביי דער גאנצע מאדשארטע, דעם סאפּאר וואס עס איז צו געגרייט גיווארן פאר דעם חנוכה סעודה, האט די מ׳ טילנער, אליין בכבודו ועצמו זיך עסוק געווען אין קאכען לשם מצוה, דער עולם איז געווען ז״יהער צו פרידען פו די שיינע בעל באטישטע חנוכה סעודה,

גבאי יחיאל כהן הערמאן

אזוי ווידער גבאים צייט אז אינזערע שוהל • עקסעסטירט. האט נאך אינזער געטרייער ברודער יחיאל, ניט פערפעלט צו בענשען חנוכה ליכט אין שוהל, ! אבער דאס מאהל איז געווען ד״ין ערשט אייניקעלס חתונה האט ער ניט גיקענט ז״ין אין שוהל בענשען די חנוכה ליכט, ווייל ער איז געווען אין טורוד ביי ד״ין שמחה, אבער ער האט זיך בשתיקה ארויס געדרייט פון אלעמען, און איז גיקומען אין שוהל, די אלע וואס דענען גיוועזן אין שוהל, האבען עם גיווינשען, אז ער זאל זוכה זיין אַ גוטע עלטער, אין דער לעבען חתונה צו מאכען אלע אייניקלעך, אין מען האט גיטרינקען אלע צו זאמען לחיים לשנה הבא בירושלים

Congregation Tiferes Jerusalem

נעשה ע׳ הערמאן

# חברה קדישה באקומט אַ חלק

איידער הויב, און דערציילען די געשיכטע וואס האט פאסירט ביי אונז אין שטעטיל מיט אַ סאך יארען צוריק. מיז איך אייך זאגען. אַז שטעטעל (וויסקיט,) איז געווען אַן אויסנאם פון אנדערע שטעטעך. עס האט אויסגעקוקט ווי אַ פעסטונג, פון דריי זייטען ארום געריגעלט מיט וואסער, און די פערטע מיט טרענטשעס אַ גרויסע געמיירטע אלטע שוהל, אין מיטען דער גאַס - ווי באקאנט, האט ידעס שטעטעל גיהאט אַ "הקדש." דאס איז געווען אַ אכסניא אין שפיטאל צוזאמען, וו פרעמדע ארימעליט ווע'ליכע פלעגען קומען קלייבען נדבות. האבען געהאט אַ מקום מנוחה; דא זיינען זיי געשלאפען געקאכט זייערע מאלצייטען, אויסגעפאקט זייערע פעקלעך און זיך געפיהלט "ביי זיך אין דער היים — און אז אן ארומאן איז שלאף געווארען, איז ער געלעגען דא ביז ער איז — אדער געזונט געווארען, אדער געשטארבען, — ויהי היום. איז געקומען אַ ארעמאן פון דער פרעמד, אין הקדש אין איז קראנק געווארען, קיין דאקטער איז ניט געווען, אברהם דער רופא. האט עם געגעבען פערשידינע מעדעצינען, און עס עם געהאלפען ווי אַ טויטען באנקעס, און דער ארומאן איז געשטארבען, — און מען האט באלט צו וויסען געטין פייסי דער שמש פון דער חברה קדישה, און פייסי איז באלט געקומען אין הקדש, מטהר זיין דעם מת, פייסי דער ארימער שמש, האט געוויסט אז יעדער ארימאן האט אביסעל געלט, האט ער זיך גינומען צו דער ("בדיקה") און דאס מאל האט ער באגליקט, ער האט געפונען איינגענעט אין דעם ארימאנס קליידער אַ מנהו יפה פון אפהר טויזינט (דאלער) ריבעל מען האט דעם ארעמאן באגראבען, פייסי דער ערליכער שמש איז מיטאמאל געווארען אַ גביר־עצום, און ער האט אנגעהויבען לייען געלט אויף פראצענט, פייסי דער שמש איז געווען אַ גרויסער קמצן, און האט קיינמאל ניט געגעבען עפעס פאר צדקה, ווי תלמוד תורה. קמח־עניים אדער אנדערע הצטרכוס'ן, און אזוי ווי ער איז שוין געווען אַ זקן אריבער שבעים, האט די חברה קדישה, ארויס געקוקט, אויף דער צייט

ווען די וועלען זיך קאנען אפרעכענען — מיט אזוי מיט אדהם — ווי מיט צ צווייטע פרוי רבקה'לה, וועלכע האט מיט איהם קיין קינדער ניט גיהאט און איז גיווען נאך מעהר קמצנ'טע פון איהם מיטאמאל — איז פייסי דער שמש געווארען קראנק, און גישטארבען, ריבקה'לע האט צו וויסען גיטהן די חברה קדישה, זיי זאלען קומען איהם טאן זיין רעכט, איז געקומען דער גבאי מיט אפר מענשען און געזאגט: רבקה'לע, לייג אוועק (500) ריבעל. פאר דער חברה קדישה. וועט דעם מת. מקבר זיין — אז די האט דערהערט אזוינע רייד, האט די זיך אנגעכאפט ביים קאפ מיט ביידע הענט און אנגעהויבען וויינען, און זיך שווערען מיט כל השבועות אז די האט אזוי פיל געלט, אינגאנצען פארמאגט די אפשר 500. קערבלאך, און דאס איז אויך פארליען צו פרעמדע. און ביי זיך האט זי נישט מעהר ווי 50. קערבלעך, דאס איז אלץ וואס זי קען זיי געבען, — דער גבאי מיט זיינע מענשען האבען ניט גימאט קיין טענות, און זיינען אוועק צוריק אין קהל שטיבעל,

איז דער גבאי געפאלען אויף א פלאַן: און ער צו זיך גירופען, אברהם משה'ן דעם גבור פון שטעטעל, מיט זיינע חברים, און האט זיי געזאגט אז אויב זיי ווילען מאכען אַ אפאר 100. קערבלעך פאר די סאלדאטען, זאלען זיי געהן צו רבקה'לן פייסיס, און איהר הייסען געבען 600 ריבעל פאר די חברה קדשה, — און 200 אייך. וועט מען באגראבען דעם מת. די גאנצע חברה פרידיוניקעס זיינען אריין צו רבקה'לן און איהר גיסייסען אוועק לייגען 800. קערבלעך, די האט ווידער אנגעהויבען וויינען און שווערען אז די האט ניט, קיין געלט, האבען די חברה צו גיריקט דעם טיש צום מת. און אוועק געזעצט, רבקה'לן אין צוגעקייטילט איהרע פוס, צו אַ פוסעל פון טיש, די איז פארציטערט געווארען פון שרעק, און געבעטען אז מען זאל איהר אפקייטלען די וועט שוין געבען וויפעל מען פארלאנגט פון איהר. און אזוי איז טאקע גיווען, די האט אוועק געלייגט 800. ריבעל און מען האט, פייסי דעם שמש באגראבען ....— — —

# תפארת ירושלים

# תפלה
## לשלום מדינת ישראל




תפלה לשלום מדינת ישראל ע"י
הרב, אוה"שע בשבתות ובחגים.
אחרי קריאת התורת. יסדוה
ותיקנוה רבותינו שבארץ ישראל
הרבנים הראשיים הגרי"א הרצוג,
והגרב"צ עוזיעל שליטא

## די פאהן



אבינו שבשמים צור ישראל וגואלו
ברך את מדינת ישראל ראשית צמיחת
גאולתנו. הגן עליה באברת חסדך ופרוס עליה
סכת שלומך ושלח אורך ואמתך לראשיה
שריה ויועציה ותקנם בעצה טובה מלפניך.
— חזק את ידי מגיני ארץ קדשנו והנחילם
אלהינו ישועה ועטרת נצחון תעטרם ונתת
שלום בארץ ושמחת עולם ליושביה, —
ואת אחינו כל בית ישראל פקד־נא בכל
ארצות פזוריהם ותוליכם מהרה קוממיות
לציון עירך ולירושלים משכן שמך ככתוב
בתורת משה עבדך, אם יהיה נדחך בקצה
השמים משם יקבצך יי אלהיך ומשם יקחך
והביאך אל הארץ אשר ירשו אבותיך
וירשתה, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את
שמך ולשמור את כל דברי תורתך, הופע
בהדר גאון עזך על כל יושבי תבל ארצך.
ויאמר כל אשר נשמה באפו יי אלהי ישראל
מלך ומלכותו בכל משלה. אמן סלה




די פאהן פון מדינת ישראל
איז אויף אייביגע צייטען
אין פעסטע זיכערהענט

אב
הרחמים
שוכן
מרומים

# בלוט און טרערן

די וועליכע וואס האבען זיך מוסר נפש על קידוש השם, אין ניט
אויף אגעגעבען זייער אמונה, אט דער חורבן פון אלע קדושים
וואס זייענען נעבעך אומגעקומען אומשולדיג, ווייל זיי זענען יודען
מיט מיתה-משונות. מיבאש, מיבחרב, מיברעב,
מיבשרפה, מיבחנקה ומיבסקילה

## בליט און טרערן

נישט געמאכט קיין אינטערשייד פון [illegible] אקליין קינד ביז א גרע-
סטען, אהן רחמונות, זיי האבען געקוקט דעם רוצח אין די אויגען אריין
ימח שמו וזכרו תמחה את ארץ דייטשלאנד. מתחת הארץ לעד

מ'טדי פען קען ניט ארויס שרייבען דעם גרויסען **צער** ווען אלע קדושים זיינען
גיטריבען גיווארען פון די טרייפונה אין פינסטערע רוצחים, כצאן לטבחה, צו די שחיטה,
ווי אחאישען, מערדישען, ווי א טיגער וואס פאר ציקט דאס אומשולדיגע לעמעלע-!
אט די ליכטיקייט וואס (כביכול) האט באהאלטען, פאר יחידי סגולה אויף לעתיד לבוא
וועט אויך זיין פאר אלע **קדושים וטהורים** וואס זענען נעבעך אומשולדיג אום
געקומען על קדושת השם. פון היטלערישע רוצחים ימח שמם וזכרם וינקום נקמת
דם. מאחינו בני ישראל, אשווארצע פינסטערע מפולה אויף היטלערן מיט אלע זיינע משתיתים

אל מלא רחמים שוכן במרומים המצא מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה במעלות קדושים
וטהורים כזוהר הרקיע נשמתם שהלכו לעולמים בגן עדן תהא מנוחתם, וינוח על משכבם
אמן, יתגדל ויתקדש שמה רבא, יהא שלמא רבא מן
שמיא וחיים, עלינו ועל כל ישראל **אמן**

**היטלער ימח שמו וזכרו**---אמן

269

# בית התפלה

ציון ישראל

תפארת ירושלים

## חבלי לידה פון דער אידישער גאולה

יום א׳ ו׳ אייר תש״י

זונטאג אפריל 23, 1950.

ישראל פייערט מיט פרייד און תפילות אינטענץ דעם יום חג העצמאות

זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו



## התקוה

כל עוד בלבב פנימה: נפש יהודי הומיה

ולפאתי מזרח קדימה: עין לציון צופיה —



עוד לא אבדה תקותנו

התקוה שנות אלפים:

להיות עם חפשי בארצנו

בארץ ציון וירושלים

## ר׳ אַבא בר זמינא איז געווען אַ שניידער,

איינמאל האט ער געארבייט, אין דער הויז פון אַ געצענדינער אין ארם, האט דער גוי איהם געגעבען אַ שטיקעל פלייש פון אַ נבלה צו עסען, איך וועל דאס ניט עסען — עס! האט דער גוי געשריען — אויב ניט. וועל איך דיך דער׳הרג׳ ענען, האט ר׳ אַבאַ געענטפערט: אויב די ווילסט מיך הרג׳ענען, קענסטו דאס טהאן, איך וועל קיין נבלה ניט עסען, ווייל איך בין אַ איד און עס איז מיר פערבאטען, ״הער צו״ האט דער גוי געזאגט נאכדעם, אט יעצט וועל איך דיר אויסזאגען מיין סוד, איך האב געמיינט פונקט פערקעהערט, ווען די וואלסט יא עסען די נבלה. וואלט איך דיך דער׳הרג׳עט. ווייל איך גלויב, אז יעדער מענש דארף היטען זיין גלויבען, איז איינער א גוי, דארף ער זיך פיהרען ווי אַ גוי. איז איינער אַ איד. דארף ער זיך פיהרען ווי אַ איד, דארף ער היטען אידישקייט (ירושלמי שביעית ד׳